בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת נצבים וילך תש"פ | שבת סליחות | גליון 568 [שנה י"ב]

**הכרת הטוב פארן אויבערשטן אין ר"ה**

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם: (כט ט) מען קען מפרש זיין דער פסוק לויט וואס עס שטייט אין ספר הישר דער טעם פארוואס דער מענטש איז די איינציגסטע בריה וואס גייט בקומה זקופה, ער שטייט גלייך, און נישט איינגעבויגן אזוי ווי אלע בריות? נאר א מענטש דארף שטענדיג ארויפקוקן אין הימל, און טראכטן פון אויבערשטן, און אזוי האט מען יראת שמים, דאס קען זיין פשט אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם, פארוואס האט איר זוכה געווען צו שטיין גלייך און נישט איינגעבויגן? ווייל לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, זאלט ארויפקוקן און שטענדיג טראכטן פון אויבערשטן. (כוונת הלב אב"ד קראסנא) קען מען צולייגן אז הַיּוֹם מיינט מען ר"ה, א מענטש דארף זיך מתבונן זיין די טובה וואס דער אויבערשטער האט מיט אים געמאכט אז ער איז אנדערש פון אלע ברואים, און מכיר טוב זיין דער אויבערשטער, און זיך פארבעסערן און טאקע שטענדיג טראכטן פון אויבערשטן, און מקיים זיין דעם שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד און האבן א גוט יאר. (שמח זבולון תש"פ)

**פארוואס וועט דער אויבערשטער נישט מוחל זיין?**

לֹא יֹאבֶה ה' סְלֹחַ לוֹ כִּי אָז יֶעְשַׁן אַף ה' וְקִנְאָתוֹ בָּאִישׁ הַהוּא וְרָבְצָה בּוֹ כָּל־הָאָלָה הַכְּתוּבָה בַּסֵּפֶר הַזֶּה: (כט יט) צו פארשטיין פארוואס וועט דער אויבערשטער אים נישט מוחל זיין? נאר עס איז דא א מענטש וואס טוט א עבירה ווייל ער האט א גרויסע תאוה צו די זאך, אבער ער האט נאך אמונה אין אויבערשטן, און אויך ער ווייסט אז מען טאר עס נישט טאן און אז ער וועט באקומען א עונש פארדעם, און עס איז דא א מענטש וואס איז עובר א עבירה ווייל ער איז שוואך אין אמונה און יראת ה', און דער חילוק איז: דער וואס טוט די עבירה פון חוסר אמונה, ער טוט די עבירה מיטן גאנצן הארץ, און האט בכלל נישט מורה ח"ו און ער פריידט זיך גאר מיט דעם, אויף אזא איינעם איז די עונש זייער גרויס, און אויף אים איז דא די עונשים פון פ' כי תבא, און דארטן שטייט, פארוואס וועט קומען די עונשין? ווייל תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה: (כח מז), טייטשן צדיקים, אז דו האסט נישט געדינט דעם אויבערשטן און ביזט נאך געווען בשמחה ווען דו האסט געטאן די עבירה! משא"כ דער וואס גלויבט און ווייסט פון שכר ועונש, נאר די תאוה האט זיך מתגבר געווען, און ער ווערט צומישט וועגן די תאוה, אזוי ווי חז"ל זאגן (סוטה דף ג ע"ב) **אין אדם חוטא אלא א"כ נכנס בו רוח שטות**, און נאך די עבירה ווערט ער צובראכן ביי זיך, און ווייסט אז ער וועט דארפן אפגעבן דין וחשבון, אזא איינער קרעכצט און האט חרטה אויף דעם, און דער אויבערשטער נעמט אן זיין תשובה, אזוי ווי דוד המלך זאגט (תהלים לח י) וְאַנְחָתִי, מיין קרעכץ, מִמְּךָ, פון דיר אויבערשטער, לֹא נִסְתָּרָה, איז נישט באהאלטן ווייל דו זעהסט מיין חרטה, נאר דער וואס טוט עבירות מיט שמחה דעמאלטס לֹא יֹאבֶה ה' סְלֹחַ לוֹ. (זהב שבא למהרש"ג)

**דרוש פארוואס דאווענט מען מיטן מויל און נישט במחשבה**

הַנִּסְתָּרֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ וְהַנִּגְלֹת לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת: (כט כח) מען קען מסביר זיין דעם פסוק לויט וואס מען איז מסביר וואס עס שטייט אין פסוק לְךָ דֻמִיָּה תְהִלָּה אֱלֹקִים בְּצִיּוֹן וּלְךָ יְשֻׁלַּם נֶדֶר שֹׁמֵעַ תְּפִלָּה עָדֶיךָ כָּל־בָּשָׂר יָבֹאוּ: (תהלים סה ב–ג) ווייל עס איז דא די באוואסטע קשיא, אז דער אויבערשטער איז יודע מחשבות, וואלט מען געקענט דאווענען נאר מיט מחשבה, אויב אזוי פארוואס האט מען מתקן געווען תפילה מיטן מויל? נאר דער תירוץ איז, אז מען דארף מחנך זיין די קינדער צו דאווענען, און דאווענען מיט מחשבה קען מען נישט מחנך זיין ווייל קינדער דארפן זען ווי מען דאווענט, און דאס זעלבע פרעגן אלע אז אין שול רופט מען אויס נדבות און אלע הערן, איי עס שטייט מַתָּן בַּסֵּתֶר יִכְפֶּה אָף, אז צדקה דארף זיין בסתר און נישט בפרהסיא, נאר דער תירוץ איז אז מען וויל אז אנדערע זאלן זיך אפלערנען און אויך געבן, און אויך די קינדער זאלן זיך אויסלערנען די מצוה פון צדקה. דאס מיינט לְךָ דֻמִיָּה תְהִלָּה, פארן אויבערשטן איז גענוג, דֻמִיָּה, צו דאווענען מיט מחשבה, און וּלְךָ יְשֻׁלַּם נֶדֶר, אויך געבן צדקה נאר בסתר, און פארוואס שֹׁמֵעַ תְּפִלָּה, איז די דאווענען מיטן מויל און צדקה בפרהסיא? ווייל "עָדֶיךָ" כָּל בָּשָׂר יָבֹאוּ, דער אויבערשטער וויל אז די קינדער און אנדערע זאלן זיך אפלערנען פון דעם, "עָדֶיךָ" אויף שפעטער. דאס מיינט הַנִּסְתָּרֹת, באמת דאווענען מיט מחשבה און צדקה נאר בסתר, לַה' אֱלֹקֵינוּ, פארן אויבערשטן איז דאס גענוג, אבער וְהַנִּגְלֹת, פארוואס טוט מען דאס בגלוי, ווייל לָנוּ וּלְבָנֵינוּ, אז אנדערע זאלן געבן צדקה און מחנך זיין עד עוֹלָם די קינדער צו דאווענען, מיט דעם איז גוט די פסוק תְּהִלַּת ה' יְדַבֶּר פִּי: פארוואס דארף מען דאווענען מיטן מויל און נישט נאר במחשבה? ווייל וִיבָרֵךְ כָּל בָּשָׂר, דיינע קינדער, שֵׁם קָדְשׁוֹ לְעוֹלָם וָעֶד, אז זיי זאלן זיך לערנען ווי צו דאווענען. (דברי מהרי"א אסאד) לויט די הייליגע רייד קען מען מחדש זיין דער המשך הפסוק: לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת, ווייל עס איז באוואוסט אז דער ווארט "לַעֲשׂוֹת", עשיה, מיינט א תיקון, ממילא איז פשט: אז אלעס וואס מען טוט זאל מען אינזינען האבן מחנך זיין די קינדער ווי צו טאן די מצות, און אויך אז אנדערע זאלן זיך אפלערנען פון דעם, ממילא דורך דעם וועט מען אנהאלטן די הייליגע תורה לדורות, און דאס מיין "לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת, עס זאל ווערן א תיקון אין די תורה לדורות, קען מען יעצט אויך זאגן פשט אין פסוק (יד) בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשֹׂתוֹ: בְּפִיךָ, פארוואס דאווענעט מען מיטן מויל, ווען וּבִלְבָבְךָ וואלט געווען גענוג? נאר דער תירוץ איז לַעֲשֹׂתוֹ, אז אנדערע זאלן אזוי טאן, און מען קען זאגן אז דאס שטייט אין מדרש וואס זאגט אויפן פסוק בְּפִיךָ, ווייל כִּי חַיִּים הֵם לְמֹצְאֵיהֶם, (משלי ד כב) און ד"א **לפי שמוציאן לאחרים**, ווי עס שטייט אין גמ' (עירובין דף נד.) **אמר ליה שמואל לרב יהודה**: שיננא, פְּתַח פּוּמָךְ וּתְנֵי, לערן מיטן מויל מען זאל הערן, **כי היכי דתוריך** יומים ותתקיים, זאלסט מאריך ימים זיין און די תורה וועט נתקיים זיין, ווייל עס שטייט כִּי חַיִּים הֵם לְמֹצְאֵיהֶם, אל תיקרי לְמֹצְאֵיהֶם, אלא לְמוֹצִיאֵיהֶם בַּפֶּה. קען זיין פשט אין מדרש: בְּפִיךָ, פארוואס דארף זיין תורה און תפילה בפה און נישט במחשבה? איז דער תירוץ: **לפי שמוציאן לאחרים**, אז די קינדער און אנדערע זאלן זיך אפלערנען און וויסן ווי מען דאווענט און לערנט, ווייל אז מען וועט לערנען תורה און דאווענען מיטן מויל און נישט במחשבה, וועט מען מעורר זיין די קינדער און אנדערע צו לערנען און דאווענען. און בפרט אז מען מיינט דאס ערנסט וועלן אנדערע זיך אפלערנען און וועסט האבן א זכות אין זייערע שטייגן. (שמח זבולון תש"פ)

# מדור העובדות

## ***** הרה"ק ר' דוד לעלובער ראטעוועט א איד וואס האט אים פארשעמט *****

הרה"ק ר' דוד מלעלוב זיע"א פאר ער איז נתפרסם געווארן, איז ער געווען א ארימאן און ווען ער האט געוואלט גיין קיין ליזענסק און זיך דורכרעדן א ענין ביי זיין רבין רבי אלימלך זיע"א, האט ער נישט געהאט קיין געלט צו פארן מיט א וואגן, און אזוי איז ער געגאנגען צו פוס אביסל, און אידן האבן רחמנות געהאט און מען פלעגט אים נעמען א שטיק וועג ביז ער איז אנגעקומען קיין ליזענסק. איינמאל איז ער פונקט ארויס פון שטאט און א וואגן שטעלט זיך אפ און פרעגט ר' דוד וואו דארף ער גיין? און ער ענטפערט קיין ליזענסק, זאגט אים דער איד אז ער פארט אויך צו רבי אלימלך און ער קען אים מיטנעמען, ר' דוד האט אים זייער געדאנקט און גייט ארויף אויפן וואגן, דער איד דערציילט אים אז ער וואוינט אין ווארשא און ער פארמאגט אסאך רכוש, און ער פרעגט ר' דוד ווער ער איז און האט געענטפערט א איד! דער גביר איז געווען א שטיקל בעל גאה און האט נישט געהאט צופיל גוטע מדות, און די גאנצע וועג האט ער זיך געטשעפעט און געמאכט ליצנות ווי אזוי ר' דוד איז אזוי דאר און ארעם רח"ל.

ר' דוד האט אים נישט צוריק געענטפערט און האט אלעם מקבל געווען באהבה. ווען זיי זענען אנגעקומען קיין ליזענסק האט דער גביר געפרעגט ר' דוד אויב ער וויל אויך אהיים פארן מיט אים? האט אים ר' דוד געזאגט אז ער מיינט ער וועט זיין ביים רבי אלימלך א לענגערע צייט, אבער דער גביר האט געזאגט אז ער וועטווארטן, ר' דוד ענטפערט: גוט, ער וועט זען שפעטער. דערווייל איז דער גביר אריין צום רבי ר' אלימלך, און ר' דוד איז געגאנגען מאכן א הכנה פארן אריינגיין צום רבין, און דערנאך איז ער אריין און פארברענגט מער ווי צוויי שעה ביים רבין, און דער גביר האט געווארט אויף ר' דוד, אבער ווען ר' דוד איז ארויס פון רבין האט ער געזאגט אז ער וועט בלייבן דא א ביסל. דער גביר האט זיך געזעגנט פון ר' דוד, און ר' דוד האט אים געזאגט איך וויל דיר געבן א עצה: ווען דו וועסט פארן אהיים און אינמיטן וועג וועסטו הערן א מענטש שרייען, זאלסטו נאכגיין דעם קול און דו וועסט שוין וויסן וואס צו טאן!

דער גביר דאנקט אים און ווען ער זעצט זיך אריין אין וואגן האט ער געכאפט אז ר' דוד איז נישט קיין פשוטער מענטש, און בפרט אז ער איז געווען צוויי שעה ביים רבין, ממילא וועט ער פאלגן וואס ער האט אים געזאגט, און טאקע באלד אנפאנג פארן האט ער געהערט פון דערווייטנס ווי א מענטש שרייט ראטעוועט! און דער גביר איז נאך געגאנגען דעם קול ביז ער איז אנגעקומען צו א טייך און ער זעהט א וואגן איז אריינגעפאלן אין די וואסער, ער נעמט א שטריק און בינט דאס צו צום וואגן און ער שלעפט דאס ארויס און אין וואגן איז געווען א מענטש האלב פארפרוירן און פארקילט און איז געווען הונגעריג, דער גביר נעמט אראפ זיין פעלץ און גיט דאס דעם מענטש, און פרובירט אים זיך צו דערכאפן, און נאכדעם פירט ער אים צו זיין שטוב און דערציילט פאר זיין בני בית אלעם וואס איז געווען און מען האט גוט באהאנדלט דעם מענטש און איז געקומען צו זיך.

דער מענטש איז געווען פון די גרעסטע שרים פון ווארשא, און האט געפרעגט דער גביר מיט וואס ער קען אים באצאלן? האט ער געענטפערט אז עס פעלט אים גארנישט, אבער דער שר האט געזאגט ער זאל אראפשרייבן זיין נאמען און וואו ער וואוינט, און זיי האבן זיך געזעגנט.

דערווייל האט זיך געדרייט דער מזל פון גביר און ער האט אלעם פארלוירן און איז געווארן א עני המחזיר על הפתחים, און זיך געדרייט מיט די ארחי פרחי און פארגעסן אז ער איז אמאל געווען א גביר. דאס האט זיך געצויגן צען יאר, ווען איינמאל האט מען זיך דערוואוסט אז אין ווארשא וועט זיין א וועלטס יריד און אסאך גבירים און שרים וועלן קומען און דער געוועזענער גביר איז דארטן געגאנגען קלייבן נדבות, און אינמיטן ארומגיין זעהט ער ווי א גרויסער שר מיט א רייכע קארעטע קומט אין מארק און דער געוועזענער גביר נעמט אראפ זיין הוט און שטרעקט דאס אויס אז דער שר זאל אים געבן געלט, דער שר קוקט אים אן שטארק און פרעגט אים צו ער דערקענט אים נישט? ענטפערט ער אז ניין! פרעגט אים דער שר ווי אזוי ער הייסט און וואו ער וואוינט און ווען דער גביר ענטפערט אויף אלעם רופט זיך אן דער שר, איך האב דיר גלייך דערקענט אז דו האסט מיר אמאל געראטעוועט מיין לעבן, און די סימנים דיינער זענען אלע געווען ריכטיג, דער שר נעמט ארויס זיין פינקס און ווייזט פארן געוועזענער גביר אז ער האט אלעם פארשריבן, דער שר האט אים געפרעגט וואס איז געשען צו אים? און האט דערציילט אז צען יאר דרייט ער זיך ארום נאך געלט, און ער זעהט נישט קיין ענדע! האט אים דער שר געזאגט דעמאלטס האב איך דיר געוואלט באלוינען און דו האסט נישט געדארפט געלט, אבער יעצט זע איך אז דו ביזט אין נויט און איך וועל דיר העלפן זיך אוועקשטעלן אויף די פיס.

דער שר האט געזאגט, היות אז ער האב נישט קיין געלט ביי אים דעריבער שרייב איך אפ א שטר פון פינף טויזנט רובל, און דו זאלסט גיין צום באנק און זיי וועלן דיר געבן די געלט, און מיט דעם שטעל זיך צוריק אויף דיינע פיס, און איך פריי זיך אז איך קען דיר באצאלן פאר ראטעווען מיין לעבן, און דער גביר האט געדאנקט דעם שר און ער איז געגאנגען אין באנק און מיט די געלט האט ער אנגעהויבן צו האנדלען און דער אויבערשטער האט אים געהאלפן און איז געווארן צוריק א עושר.

דערווייל איז רבי ר' אלימלך אוועק, און זיין תלמיד דער חוזה מלובלין האט איבערגענומען, און אויך ר' דוד מלעלוב איז נתפרסם געווארן אלץ א פועל ישועות, און מען איז געפארן צו אים פון איבעראל, און אויך דער גביר איז געקומען זיך פראווען ביי ר' דוד, און ווען ער איז אריינגעקומען, האט אים ר' דוד גלייך דערקענט און אים אויסגעפרעגט קלאר וואס איז געשען מיט אים די לעצטע יארן, און דער גביר האט אים אלעם דערציילט, האט אים ר' דוד געזאגט, איך בין דער איד וואס איז געפארן מיט דיין וואגן וואס דו האסט געמאכט ליצנות פון אים, און אין הימל האט מען גוזר געווען אז דו דארפסט שטארבן, ווען איך בין געווען ביי רבי אלימלך, האבן מיר פרובירט מבטל צו מאכן דעם גזר דין, און איך האב ממליץ געווען אז דו האסט מיר פארט א טובה געטאן, האט מען אויסגעארבעט אז דו זאלסט ווערן א ארימאן וואס איז חשוב כמת, און די צען יאר גלות וועט זיין א כפרה פאר דיר! דער גביר האט איבערגעבעטן ר' דוד און איז געבליבן א שטארקער חסיד פון ר' דוד. זיע"א.


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים**

מכתב כת"י הגאון ר' חנוך הענך איגש בעל המרחשת נדיר מאוד, שתי מכתבים של האמרי חיים מוויזניץ להעסקן ר' יצחק לעווין אודות הצלת הרבה יהודים מאחורי הברזל, 2 פסקים כת"י עם חתימות מהגאון ר' עקיבא איגר, ספר חסידים באזיל שמ"א $2000, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים $2000, ספר שו"ת מעשה נסים פאריז תרכ"ז עם חתימת וחותמות הר' נחום דוב בער פרידמאן נכד הרה"ק מרוזין, אוהב ישראל אפטא דפו"ר $2800 א סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים זיטאמיר, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב מאת הגאון ר' אליעזר ראבינוביץ מינסקער גדול, מכתב מהגאון מראגאטשוב לחתנו הר' ציטרון, מהרה"ק ר' ישראל מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' שך, מהגאון ר' הענקין, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש שייך להגאון ר' אברהם פאם, ספר עם חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי, אוסף של 8 תיקים מסמכים ומכתבים משנת תר"פ עד תש"כ של מוסד צדקה בירושלים $2500, מאות גיטין שסידר הגאון ר' יוסף תאומים עם חתימתם של בי"ד $2000 ספר משכיל אל דל שייך לבעל מענה שמחה ממאטטערסדארף ובנו הר' שמואל, ספר אבל כבד הספד על ר' שלמה קלוגער וחתימות הר' אלי' חיים טייטלבוים מבערגסאס חמיו של הרה"צ ר' מיכאל בער וויססמאנדל, אוסף ספרים עם חתימות משפחת ר' גרשון ורב לייב ליטש רוזנבוים א **רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון צו באקומען ביי אימייל** **pardesyehuda1@gmail.com 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30,** *www.seforimworld.com* בעזה"י וועלן מיר פארקויפן - ד' מינים - אזוי ווי די לעצטע 34 יאר און מיר ווינטשן אלע א גוט געבענטש יאר

**מיר פארקויפן טאבאק געשמאק, פריש און אליין געמאכט אויך ענגלישע טאבאק, אויך פארקויפן מיר זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש**